הײנט 10 זײטען

פולע טאַבעלעז פון דער 21־טער
מלוכה־לאטעריע—זעה 3 און 8 זײט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גר.

NAJER FOLKSBLAT

# נײער פאָלקסבלאַט

| № 234 | לאָדז, זונטאג, כ׳ תשרי תרצ״א | אכטער יאהרגאנג | Łódź, Niedziela, 12 października 1930 r. | № 284 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# דער וואהל־יריד

## אויף דער יודישער גאַס אין דער הויפּט־שטאָט און אויף דער פּראָווינץ

# ד״ר גאָטליב קאַנדידירט פון ביאַליסטאָק

װאַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). אין משך פון פרייטאָג און שבת זענען פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייה פערזאַמלונגען און קאָנפערענצען בײ די פערשידענע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אומעטום זענען געפיהרט געוואָרען הייסע ווי־כוחים, צו וועמען מ׳זאָל צושטיין: צי זאָל מען געהן מיט׳ן נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכען בלאָק, ד. ה. מיט דער „אַגודה״, אָדער מיט׳ן ציוניסטישען בלאָק, ד. ה. מיט גרינבוימען.

די שטימונג איז געווען אַ פערשידענאַרטיגע.

טייל האָבען בעשלאָסען צו געהן מיט איין בלאָק, און טייל — מיט׳ן אַנדערען.

בעזונדערס האָט זיך געקאָכט אין דעם סוחרים פעראיין.

ווי בעקאַנט איז דער סוחרים־פעראיין אָפיציעל צוגעטראָטען צום אַגודה־בלאָק, אָבער אויף די פערזאַמלונגען פון די סעקציעס, וועלכע זענען פאָר־געקומען אין דער צאָהל פון 36 איז בעשלאָסען געוואָרען נישט צו געהן מיט דער אַגודה, נאָר צו שטיצען גרינבוימען, מיט׳ן תנאַי אָבער, אַז זייער פאָרשטעהער טרוסקער זאָל פיגורירען אויף אַ בכבוד׳יגען אָרט אויף דער ציוניסטישער ליסטע.

## נישט־צושטאַנד־געקומענער מיטינג

### פון דעם לינקען סאָציאַליסטישען בלאָק אין וואַרשאַ

װאַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). הײנט, שבת אינדערפריה האָט גע־זאָלט אין קינאָ־זאַל „אסטרא״ פאָרקומען דער ערש־טער מיטינג פון דעם לינקען סאָציאַליסטישען בלאָק.

צו דער פערזאַמלונג איז געקומען אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער און אַרבייטערינס, אָבער אַ שעה, אײדער דער מיטינג האָט זיך געזאָלט אָנהויבען, איז אָנגעקומען אַ קאָמיסיע צו בעטראַכטען דעם זאַל, און איינגעפונען, אַז דער מיטינג קאָן נישט פאָרקומען מחמת איין וואַנד האַלט אין איינפאַלען.

דער קינאָ־זאַל „אסטרא״, וועלכער געהערט צו יודען, און איז אגב ערשט אויפגעבויט מיט 2 יאָהר צוריק, איז פער׳חתמ׳עט געוואָרען.

דער מיטינג איז, זעלבסטפערשטענדליך נישט פאָרגעקומען און דער עולם אַרבייטער איז זיך פער־באַנדערגעגאַנגען.

## דער „שבת פאַר זיך״ אין ביאַליסטאָק

ביאַליסטאָק, 11 (טעלעפאָניש). דאָ איז שוין אַזוי־גוט, ווי אַ בעשלאָסענע זאַך, אַז די ביאַ־ליסטאָקער יודישע בעפעלקערונג וועט זיך נישט אָנשליסען אין קיין איין בלאָק, נאָר שאַפען אַנ־אייגענעם יודישען בירגערליכען בלאָק, אַ מין כלל־ישראל־בלאָק, צו וועלכען עס זאָלען געהערען אַלע בירגערליכע פאַרטייען, אָנהויבענדיג פון די ציו־ניסטען, און ענדיגענדיג מיט דער אַגודה.

דערבײ רופט אַרויס אַ גרויסע סענסאַציע די ידיעה, אַז אויף דער ליסטע פון דאָזיגען ביאַ־ליסטאָקער בלאָק וועט פיגורירען דער בעקאַנטער ציוניסטישער פיהרער פון וואַרשאַ, ד״ר י. גאָטליב.

אויף דערזעלבער ליסטע וועט אויך פיגורירען דער פאָלקיסט, אַדוואָקאַט טשערניכאָוו.

## ס׳זאָל קומען צו אַ שלום

### צווישען די גאַליציאַנער און קרוינפּוי־לישע ציוניסטען

לעמבערג, 11 (טעלעפאָניש). נישט קוקענ־דיג דערויף, וואָס די לעמבערגער ציוניסטען האָ־בען אַריינגעטראָגען אַ בעזונדער וואַהל־ליסטע צום סיים, און זיך אָפיציעל אָפּגעריסען פון די וואַר־שאָווער ציוניסטען — איז פונדעסטוועגען נישט אויסגעשלאָסען, ס׳זאָל קומען צו אַ שלום צווישען די גאַליציאַנער און קרוינפּוילישע ציוניסטען.

## הײנט אויסערגעוועהנלי־כע זיצונג פון ציוניסטי־שען פאַרטיי־ראַט

װאַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). מאָרגען 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אַנ׳אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון ציוניסטי־שען פאַרטיי־ראַט, געווידמעט וואַהל־ענינים.


# מודעה

עפ״י דין זענען מחלל בפרהסיא נישט בעגלויבט אויף כשר׳ע זאַכען היינו פלייש מילך שטנז, משה שערעם פּיעטרקאָווער 10 האַלט דאָס געשעפט שבת אָפען נאָך פיל התראות פון ראַבינאַט און שומרי שבת האַלט ער ווייטער אָפען שבת. אַ מחלל שבת איז כמומר לכל התורה. זיינע היטלעך און קאַפּעלושען טאָר קיין יוד שומרי תורה נישט קויפען און ה׳ שערעם האָט נישט קיין נאמנות אויף יודישע היטלעך און קאַפּעלושן צו פערקויפען צוליב שעטנז.

ועד הרבנים עם שומרי ומזהירי שבת

# די עלעגאַנטסטע און מאָדערנסטע קליידער

צום הערבסט־ און ווינטער־סעזאָן!

עמפּפעהלט די גוט־בעקאַנטע פירמע

„SPLENDID"

לאָדז, ליסטאָפּאַד 31 11

(קאָנסטאַנט.)

נעדענקט די אדרעס!

יוד. רעפּרעזענטאַנץ אין דער לאָדזער האַנדוו.־קאַמער

הײנט, זונטאָג, דעם 12־טען אָקטאָבער ד. י. 7 אַ זייגער אָוונד. קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער נצו. „אַרט״, וואָלטשאַנסקאַ 27 אַ

# בעריכטס־קאָנפערענץ

פון אַלע צעכען און האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציעס אין לאָדז

אַלע אָרגאַניזאַציעס ווערען דרינגענד געבעטען צושיקען זייערע פאָרשטעהער.

דאס פּרעזידיום

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז פרייטאָג, דעם 10 אָקט. ד. י. געשטאָר־בען אין קאַרלסבאַד איז בליהענדען עלטער פון 35 יאָהר מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאָטער, ברודער, שוואָגער און אָנקעל

# נ. ע. ישראל בן ר׳ שמשון ז״ל קוטנער

וועגען טאָג פון דער לויה וועט בעזונדערס מיטגעטיילט ווערען.

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נעכטען, שבת קודש איז נאָך לאַנגע און שווערע ליידען געשטאָרבען אין עלטער פון 41 יאָהר מיין ליבע פרוי, מיין הייס־געליבטע און אונפערגעסליכע מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

# נ״ע אסתר לאה אשת ר׳ משה נ״י גערשענאָוויטש

(געבוירען חיימאָוויטש) וואוינונג נאַוואָמיעסקאַ 24

די לויה קומט פאָר הײנט, זונטאָג, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער־הויז זגערזשער 13, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

צו דער חתונה־פייערונג פון פרל.

ראָזאַליא פּיעניע

מיט ה׳ אינזש. פּנחס פּיורקאָ

וואָס איז פאָרגעקומען זונטאָג דעם 5 אָקטאָבער 1930 אין לאָדז גראַטולירען הערצליך און ווינשען אַ עוויגעס גליק־ליך צוזאַמענלעבען

לייב און פרוי בידערמאַן

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם חבר

בצלאל הענדעל

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ברודער

יואל מאיר

זייט געטריסט!

די חברים פון בלאַדי׳ס ווערקשטעל

